## בית־לייוויק — „כי לעולם חסדו“

ס׳איז געווען גאר א גרויסער איפּטו דאס אויפשטעלן אזא חבריש־שרייבעריש הויז אויפן נאמען פון אונזער גרויסן, יידישן פּאעט ה. לייוויק. „דער גרעסטער“? „דער מאדערנסטער“? — ער איז דער באגלויביקסטער און דער געלויטערטסטער אונזערער; דער, וואס האט דאס לעבן אויסגעטראגן לייבהאפט מיט אלע סיגופים און עינוים — „נאך יינגלוויז“ האט זיך דאס ליד אים צעקלונגען צוזאם מיט זיינע געשמידטע קייטן! — מיט זיינע גלגול־שלג לידער איז ער אנגעקומען אין אונזער מאדערנער דיכטונג אריין, דער פארטיפסטער „אין זיך“ צווישן „די יונגע“.

און פון זיין העכסטן שטאפל אויף זיין מאלער־לייטער איז ער נישט אראפגעפאלן ביי זיך, נאר ער איז אלץ געשטיגן און „אוועק ווייטער“ און ווען ער איז אין זיין „פייער“־פלאמען ליד אויפגעגאנגען האבן מיר אים געגלויבט — איז דערלויבט אזוינס צו שרייבן, אחוץ א גאט־צעפלאמטן?

אז שוין „נאך יינגלוויז“ איז ער אזוי געווען און ערשט ווען ער האט אנגעהויבן צו שרייבן זיין „גולם“, זיינע מיסטישע עקדה־דראמעס, זיינע בלוטיקע דענוער־באלאדעס און ערשט אונזער דם־ואש ותמרות־עשן חתונה — ער אליין איז געווארן דער „סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה“.

ס׳איז געווען א גרויסער איפּטו דאס אויפשטעלן דאס לייוויק־הויז אין תל־אביב. ווען מיר האבן ביי אונזער עולה־רגל זיין א מקום קדוש, נישט נאר צו קומען קיין ירושלים אין דער עיר־העתיקה, אין דער עיר־הקודש, אונזערע קעפ אויף דער כותל אויסצורוען, נאר אויך האבן אין טומלדיקן תל־אביב אונזערע אייגענע ד׳ אמות דאס הארץ וואו צו בארואיקן — זיין, לייוויק׳ס, חברישער זכרון וועט לעבן צווישן אונז און ברידערלעך אונז פארבינדן.

ס׳איז אויך וויכטיק געווען, אז כדי אויפצושטעלן דעם מקדש־מעט האבן יידישע שרייבער פון אלע גלות־ישובים געהאט די מעגלעכקייט צו זיין באטייליקט און מיר דא, דער יידיש־ארעמסטער ישוב זאל אויך נישט זיין אויסגעפעלט.

## הרב גורן, שליט״א, דער גאסט־רעדנער ביים יום־ירושלים

ביי דעם „יום ירושלים“־פייערונג אין דער סעינט־דזשאן סינאגאגע האבן די רעדנער און די זינגער נישט, חלילה, פארשוועכט דאס מקום־קדוש מיט א יידישער רעדע אדער א יידיש ליד, כאטש דער עולם איז באשטאנען פון צוויי דריטל יידיש־רעדנדיקע; אבער דער הויפט־רעדנער, הרב גורן שליט״א, מיט זיין תלמיד־חכם קנייטש מיטן שטערן און יידישלעכע תנועה, או״יינ־ווארפנדיק א יידיש ווארט, האט געראטעוועט די סיטואציע, אז די פייערונג זאל דאך טראגן א יידישלעכן כאראקטער. מיט זיין כוח הסברה פון די היימישע ישיבות וועט ער זיכער קאנען צוגרייטן צום שלום־טאג די ישראל־ארמיי, דעם געהאפטן טאג פון שלום על ישראל . . .

**מנשה ווייסגראז**, דער פרעזידענט פון „פריינט פון יידיש־לשון“, האט אדורכגעמאכט אן אפעראציע — א רפואה שלימה.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־5 (העפט 3־471) 31־סטער יאר מאי־יולי 1970, לאנדאן


## דריי יאר ירושלים השלמה

געזען דעם גוואלדריס, דעם צער פון צעריסענעם
ירושלים און די פרייד איצט פון גאנצן;
אין דער מערת־השואה מיט אלע געוויינט,
און פאר דער כותל דאס הארץ גענומען טאנצן.

ווי געוואלטיק אזא ליבשאפט — טויזנטער יאר,
דער נישט־געבראכענער תמימותדיקער גלויבן!
אומעטום מ׳האט דיך געזען, ירושלים,
ווי נאר די אויגן צום הימל אויפגעהויבן.

של־מעלהדיק ביסט געווארן, עיר־הקודש,
באפליגלט מיט הארץ־צאפל צעפלאטערט לעבן;
תפילהדיק־צעציטערט, פול מסירת־נפש —
וואס וואלט א ייד פאר דיר נישט אוועקגעגעבן?

דאס טרויערן, דאס טרוימען, זייט דיך פארלוירן,
און די וואר וויאזוי דיך צוריק געוואונען —
וויפל יידישע הערצער, פינסטער, פארלאשן,
אזויפיל ליכטיק־אויפגעגאנגענע זונען.

און אז ווידער, חלילה, ירושלים
די הייליקע שטאט צעריסן זאל איצט ווערן,
— ביים דאך דיר שוין בעסער די בייזע צונג דיר אפ!—
די זון זיך פארלעשן אין אונזערע טרערן —

די גאנצע ערד א מערת־השואה ווערט,
דער ריס פון דער שטאט — דער כריתת־ברית מיטן שטן!
נישט נאר וויי צו אונז — צו דער גאנצער גארער וועלט,
אויב דאס איוב־שפיל, חס־וחלילה, גערעטן.

י רו ש ל ים — — א צעריסן הארץ פון צער
פון דער כותל מ׳וועט הערן די שכינה וויינען;
א מאמע־טויב וואס שוועבט איבער איר ליידיק נעסט:
מיינע קינדער, מיינע עופעלעך ווו זיינען?

# דריי לידער

איז מען נישט קונה ערד מיט חזקה,
נישט נאר מיט העלדישקייט און שטארקייט ?
מיט באשיצן זי באארבעטן זי,
פאר איר טובה איוף אלצדינג זיין גרייט.

די ווילד־פארוויסטע ארץ ישראל ערד,
איז זי נישט קרקע־בתולה געווען ?
ס׳קאנען עדות זאגן די אלע,
וואס האבן זי פריער און איצט געזען.

מיט אונזער כוח־גברא זי באארבעט,
זי באלעבט מיט לעצטן טראפן בלוט;
יעדעס איופגייענדיקע שטיקל פרוכט
פאר אונזערטוועגן א שבועה ס׳טוט.

איז מען דען נישט קונה ערד מיט חזקה ?
נו, האט מען זי דאך קונה געווען !
וועט מען נאר האבן אונזער שטיקל ערד,
נישט קאנען געשען מער וואס געשען.

2

אז אויסגלייכן אלע האקנקרייצן,
וועט ווערן פון זיי צלמים צוריק —
אויף יעדן הענגען געגאגלט א ייד,
מיט א פארמענצענטן, שרעקלעכן בליק.

ווי קניען איר זאלט נישט און זיך מאדליען,
קיין בליק צו אייך טוען זיך קיין קער —
ווי נאר א פונק לעבן זיך באוויזן,
פארפייניקן ווידער ס׳קאן אים באלד ווער.

ווי האבן מיר אייער גוטסקייט געגלויבט,
אייער ליבע אונזער לעבן פארטרויט,
און איר, מיט שתי־וערב געוועבטער נעץ,
געלויערט איוף אונז, געריבט און געטויט.

פסאלמען פרום פרעפלענדיק, אונז געשאכטן,
איקאנע־לעמפל — פלאקערט־איוף שאפאט !
צום סוף, גאלע רוצחים — קרעמאטאריעס
פון די וויירוך־פאנען געמאכט איר האט.



3

ווי האבן מיר באמת שוין געגלויבט איצט,
דער אחרית־הימים געקומען,
און אלע פעלקער, מיט איין סנאפ־גארטל,
משפחהדיק ארומגענומען.

ווי איין הימל איבער אלעמענס קעפ
א ליכטיקער, א נישט־צעטיילטער,
אזוי די ערד אונטער אונזערע פיס,
איין ברויט־אקער, זאט אויסגעזייטער.

וואס מיט טרערן אזוי שווער פאראקערט,
מיט פריידן מיר וועלן איצט שניידן,
און די גאנצע ערד פאר אלע מענטשן
איין אדם־ליכטיקער גן עדן.

אז שווערדן רק און שפיזן זיך קאווען,
פונם שערפ גאר אונטערן האמער —
איז ווער ווייסט וואס נאך אלץ עס קאן קומען,
נאך קרעמאטאריעס און גאזקאמער.

## ווער איז א ייד ? וואס איז א ייד ?

צו דער ערשטער יארצייט פון מיין פלימעניק הרב יונה שטענצל זצ״ל

אז מען האט געפרעגט ביים רבין ר׳ בונם,
פארוואס הייסט עפעס דער אות י — א ייד ?
האבן זיך ביים חכם פון די חכמים
די אויגן מיט חכמה פלאמיק צעגליט,
און פון זיין הייליקן מויל, נישט קיין ווערטער,
א שנירל מיט פערל ציט זיך און ציט :

פון אלע אותיות, אז ס׳פעלט א פיצל,
די אמתע צורה עס האט נישט מער;
ס׳יידל אבער וויפל מ׳רייסט נישט פון אים
און ווי דו דרייסט עס נישט אהין, אהער,
ס׳בלייבט אלץ דער אות י, עס לייענט זיך א ייד —
איינמאל נאר א ייד, א ייד אן אויפהער !

און איז נישט פונקט דאס זעלבע מיט א יידן ?
איוף שפיץ־מעסער עס בלייבט נאר פון אים בלויז,
אן עוקצל, א קוצו־של־יודל קוים,

א פינטעלע שבפינטעלע די גרויס,
א הערעלע דין מיטן אויג צו כאפן —
א ייד בלייבט א ייד און קיינמאל נישט אויס.

און כל־ישראל, דער „המעט מכל עם",
ס׳קלייגסטע פאלק אויף גאטס גוואלטיקער ערד?
וויפל נישט רייסן, שניידן שטיקער פון אים,
קיינמאל, קיינמאל נישט אויפהערן עס ווערט;
דער ניצוץ פון גאט אין מינדסטן ייד נאך איז,
אייביק צו בלייבן, נישט ווערן צעשטערט —

צען יידן א מנין, דריי — א מזומן,
ערשט אז צוויי יידן האלטן זיך צוזאם!
לייענען זיך נישט צוויי יידעלעך — א־דושם?
וויפל נישט ברענען דעם „המעט מכל עם",
ער פלאקערט, ער פלאמט און — ער פארלייכט די וועלט!
ס׳לעשט קיינמאל נישט אויס גאטס הייליקער פלאם.

יעקב ריכטיגער

## די אידעי פון גוט און שלעכט

דעם פרימיטיוון מענטשס פעסטשטעלונג פון גוט און שלעכט האט אים, לויט תורת משה, פארוואנדלט אין דענקענדיקן מענטש. דער מקור, ווו די אידעי פון גוט און שלעכט ווערט געפארעמט, איז דעם מענטשס כח הדמיון: זיין אימאגינאציע־קראפט וואס איז פעיק אויסצוטראכטן דערשיינונגען פון אביעקטן אדער געשטאלטן און פעסטשטעלן קאנטראסטן. עס איז אויך קיין ספק נישט, איז דער כח הדמיון סטימולירט אלע אנדערע גייסטיקע און פיזישע כוחות פון מענטש, אקטיוויזירט זיי צו אנטוויקלען זיך זעלבסט און צו באנוצן זייערע איינגעשאפטע טאלענטן צו פראגרעסירן אויף דער ערדישער וועלט.

דער ביאלאגישער פאקט איז, או אלע לעבעדיקע בריאים האבן שכל און זכרון,—פיש געפינען זייער וועג אין וואסער און געפליגעל — אין דער לופט: זיי דערווייטערן זיך טויזנטער מיילן פון זייער געבורטס־ארט און קומען צוריק, מאנכע מינים בעל־חי בויען פאר זיך נעסטן פון ארכיטעקטישע מייסטערווערק, בהמות און הויז חיות פארשטיין די באפעלן פון זייערע בעלי בתים און איינצעלנע פון זיי לערנען זיך אפילו אויס נאכרעדן דעם לשון פון באלאבאס. זיי האבן, אויך אן עלעמענטארן פרייען ווילן, וואס נאר מיט שוחד פון א געשמאקן ביסן אדער בייטשן שפיץ איז מעגלעך צו ברעכן.

אבער כאטש מאנכע פון די אנדערע מינים בעל־חי האבן א שארפערן זכרון און שפירעוודיקערע חושים, ווי דער מענטשנמין, איז די דינאמיק, וואס סטימולירט און אקטיוויזירט זייערע גייסטיקע און פיזישע כחות, א



באגרענעצטע פון אינסטינקט, זי לאזט נאר צו די אינפארמאציע וואס דער מין האט געירשנט פון פארגאנגענע דורות. דערפאר זענען זייערע גייסטיקע און פיזישע אקטיוויטעטן געבליבן סטאטיש: אומפארענדערט. ווי מען זאגט אין יידיש — „א גאנדז חלומט וועגן האבער", אדער „אן אייזל פאלט ניט איבער דעם זעלבן שטיין צוויי מאל", און אויף די לערך פיר טויזנט יאר אלטע מצרישע בילדער זעט מען, אז די היינטיקע קעץ כאפן מייז אזוי ווי די קעץ האבן געכאפט אין די צייטן פון פרעה׳ס.

צי אן אלט צירק־פערד, וואס שלעפט מיט די לעצטע כוחות זיין אנגעלאדענעם וואגן, קאן אויפפאלן אין זיין געהירן אז אמאליקע סצענע, ווען טויזנטער מענטשן האבן אפלאדירט זיינע קינצן און טענץ, איז די [illegible] פון בעל־חי פסיכאלאגיע נאך ניט געלונגען צו באווייזן. אבער עס איז קיין ספק ניט, אז אויסקלערן די קינצן מאכעריי אדער דעם טאנץ רעפערטואר קאן נאר דער טרענירער, ניט דאס פערד, ווייל אויסער דער מענטשנמין האט ניט קיין אנדערער מין פון די בעל־חי די קראפט פון אימאגינאציע, וואס זאל זיין פעיק אויסצוטראכטן פאר זיך און אוודאי ניט אויסלערנען אנדערע נייע אקטיוויטעטן.

אויף דער פראגע — ווי אזוי דער מענטשנמין האט זיך איינגעשאפט דעם כח הדמיון? זענען פאראן דריי תירוצים. עוואלוציאניסטישע פארשער באהויפטן — עס איז געווען א צופעליקע אנטוויקלונג, אזוי ווי דער גאנצער קאסמאס האט זיך צופעליק אנטוויקעלט. און רעליגיעזע דענקער גלייבן — עס איז מעשה שטן: ער האט מיט זיין כיטרקייט אריינגעשמוגלט אין געהירן פון מענטשנמין אילוזיעס, כדי די פערפעקציע פון דער ערדישער וועלט, וואס די אלמעכטיקייט האט באשאפן, זאל דערמיט צעשטערט ווערן. דער יידישער וועלט באנעם, אבער, האט אפגעווארפן די צוויי מיינונגען און אנגענומען אז דער כח הדמיון איז געגעבן געווארן צום מענטשנמין כדי צו אנטוויקלען די ערדישע וועלט.

ווי מען זעט פון דער ווייטער ציטירטער דערקלערונג אין תורת משה, זענען מענטשנס קינדער באשאפן געווארן — זיי זאלן זיך פארשפרייטן איבער דער ערד, געוועלטיקן איבער אלע אנדערע לעבעדיקע בריאים, באארבעטן דעם באדן, כדי עס זאל וואקסן גענוג גרינצייג און פריכטן צו עסן פאר אלע, און ווערן דער אפהיטער פון ארדענונג אין דער ערדישער וועלט. (בראשית א׳ און ב׳) פארשטייט זיך, כדי צו זיין די הערשער, ארבעטער און אויפזעער פון דער ערדישער וועלט האט דער באשעפער געמוזט האבן די מענטשנקינדער באשאפן מיט דער פעיקייט אויסצוטראכטן און פלאנעווען זייער טעטיקייט.

אנטראפאלאגן האבן אפילו פרובירט פעסטצושטעלן ווען דער כח הדמיון באגינט זיך אויפצוועקן אין מענשנקינד. אויפכאוועדיק אין דער זעלבער שטוב א נאר־וואס געבוירן מענשנקינד און א מאלפעקינד האבן זיי באמערקט, אז די ערשטע זעקס חדשים איז דער גייסטיקער און פיזישער פרא־

גרעס פון מאלפעקינד א פיל העכערער, דערנאך פארמינדערט זיך כסדר דער פראגרעס פון מאלפעקינד און דער פראגרעס פון מענשנקינד פארגרעסערט זיך, וואס איז א באווייז פון אנהייב איינפלוס פון כח הדמיון. צי דער איינפלוס פון כח הדמיון ווייזט זיך ארויס אין דער זעלבער מאס ביי א מענטשנקינד וואס ווערט אויפגעכאוועט אין וואלד צווישן מאלפעס? דארף מען פרעגן די מאכער פון טארזאן פילמס.

די דערגרייכטע מדרגה פון כח הדמיון איז פארשידן פון מענטש צו מענטש, אזוי ווי די פיזיאנאמיע און פינגער אפדרוק איז פארשידן. אבער אין א ניט גענויע קלאסיפיקאציע איז מעגלעך צו פארטיילן די אקטיוויטעטן פון כח הדמיון אין א געוויסע צאל קאטאגאריעס. פשוטע מענטשן בויען אויף זייער צוקונפט און אמאל די צוקונפט פון זייער קינדער מיט דער הילף פון כח הדמיון. דעם כח הדמיון פון קינסטלער און וויסנשאפטלער האט מען צו פארדאנקן די אומגעהויערע טעכנישע אנטוויקלונג אין דער ערדישער וועלט און דער כח הדמיון פון נביאים און דענקער האט געהאלפן דעם מענטשנמין איבערקומען צייטן פון אנגסט און ייאוש.

אמת, צוזאמען מיט די רעאליסטישע ענינים טראכטן מאנכע מענטשן אויך אויס אילוזיעס, זיי טוען אומבייטן גוט פאר שלעכט אדער שלעכט פאר גוט, וואס ברענגט צו בלטיקע קאנפליקטן צווישן די מענשנקינדער און פארברעכערישע צעשטערונג פון דורות ציוויליזאציע. אבער דווקא די טעותדיקע פרובעס באווייזן, אז ניט קוקנדיק וואס דער כח הדמין איז אן איינגעבוירענער פאקטאר, האט ער ניט די דעטערמינירטע כאראקטעריסטיק פון אן אינסטינקט, נאר יעדער איינצעלנער מענטש איז פריי צו באנוצן זיינע אידעען אזוי ווי ער וויל, אדער בכלל פארווירקלעכן זיי, און די זעלבע פרייהייט צו ווערן א דענקענדיקער מענטש האט שוין דער פרימיטיווער מענטש געהאט.

פאקטיש איז, לויטן יידישן וועלט באנעם, קיין חילוק ניט צי מען גלייבט אז די מעשה דערציילט אין תורת משה וועגן חוה מיט דער שלאנג און עץ הדעת איז דיכטערישע אלעגאריע אדער א ווירקלעכע געשעעניש. דער עיקר איז — אז א מענטשנפארל האט אנגעהויבן צו דענקן וועגן גוט און שלעכט, וואס קיין פארל פון די אנדערע מינים בעל־חי זענען פעיק צו טוען. כאטש יעדער איינער פון די אנדערע מינים בעל־חי פילט זיך גוט בעת ער איז געזונט און זאט, אדער פילט זיך שלעכט בעת ער איז קראנק און הונגעריק, האך האט קיינער פון זיי ניט די אידעאישע פארשטעלונג פון גוט אדער שלעכט, וואס קומט פון דענקן, ניט פון פילן.

אז עס איז געווען אן אידעאישע פארשטעלונג זעט מען אין תורת משה,— „ביידע, אדם און זיין ווייב, זענען געווען נאקעט און זיך ניט געשעמט", ביז „געעפנט האבן זיך ביידענס אייגן און זענען באוווסטזיניק געווארן פון זייער נאקעטקייט, האבן זיי צונויפגעהאפטן פייגענבלעטער און געמאכט פאר זיך גארטלען". דאס הייסט: עס איז געווען אן אידעי פון א שלעכטן צושטאנד — זיי שפאצירן ארום נאקעטע אזוי ווי אלע אנדערע בעל־חי — ניט עפעס א



פיזישע פילונג פון ווייטאג, האבן זיי אויסגעטראכט א גוטע אידעי, צו פארבעסערן דעם צושטאנד — צו באדעקן זייערע געשלעכטס ארגאנען.

די מפרשים פון תורת משה דערקלערן, וואס שפעטער האט זיך דערפון אנטוויקעלט, זיי זאגן — „ותוסף לו תאוה על תאותו": פריער האט די סעק־סועלע תאוה זיך דערוועקט בייזיי, אזוי ווי ביי אלע אנדערע בעל־חי, ווען זיי האבן זיך געזען, און איצט צי זיי זען זיך אדער ניט, גלוסטן זיי איינער צום אנדערן, ווייל די נאקעטקייט פון קאנטראסטישן־געשלעכט שפיגעלט זיך שטענדיק אפ אין יענעם כח הדמיון. (בראשית רבה פכ"ג־ו') אפשר די [illegible]־אימאגינאציע, פון זייערע אומבאשיצטע געשלעכטס־ארגאנען קעגן [illegible]־גונג, האט דערוועקט ביים מענשנפארל די צווייטע אידעי — צו פאבריצירן גארטלען כדי צו באהאלטן דעם מקור פון זייער פארגעניגען.

עס איז קיין פאראדאקס, וואס חוה האט, לויט תורת משה, צוערשט גע־געסן פון עץ הדעת אדער צוערשט באוווסטזיניק געווארן פון איר נאקעטקייט, ווייל זי האט פעסטגעשטעלט די ליידן, פון טראגן קינדער און דערציען, צוליב געניסן עטלעכע מינוט פארגעניגן, ניט אדם" — דער מאן, ער דערוויטערט זיך א פרישער און געזונטער, מיט קעציגע אויגן זוכט ער נייע קרבנות פאר זיין אייביק הונגעריקע תאוות. די מפרשים באהויפטן אפילו, אז חוה האט א געוויסע צייט רעוואלטירט קעגן איר גורל — ניט געוואלט לעבן מיט אים. (בראשית רבה פכ"ד־ו') ערשט נאכדעם ווי ער האט אויפגעהערט ארום לויפן פוסט און פאס, איז געווארן אן ערד ארבעטער און זיך באזעצט, ווו ער האט געקאנט פראדוצירן דאס טעגלעכע ברויט פאר זיין משפחה, האט איר איינגעבוירענע תשוקה אדער גליסטונג צו [illegible] מאן געבראכן איר דערווידערדיקייט צו אים, וואס איז געווען דער אנהויב פון מענטשנס געזעלשאפטלעכע און טעכנישע אנטוויקלונג.

צוריק גיין צו דעם פרימיטיווען לעבנסשטייגער קאן דער מענשנמין ניט מער, ווי מען זעט דאס פון דער ווייטער ציטירונג. רבי עקיבא אינטערפרעטירט די דערקלערונג אין תורת משה—„הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע": דער מענטש איז געווען אזוי ווי איינער פון די אנדערע מינים ברואים צו וויסן אדער פילן גוט און שלעכט, „ועתה": און איצט, אז ער איז פעיק אויסצוגעפינען מיטלען צו פארבעסערן זיין צושטאנד, (טייטשן די מפרשים אויס דעם טערמין „פן" אויף „לא" און זיי זאגן —) „לא ישלח ידו ולקח גם מעץ החיים וחי לעולם": וועט ער ניט מער אויסשטרעקן זיין האנט צו שפייזן זיך מיט ווילד וואקסנדיקע פרוכטן, וואס האט אים ביז איצט דערהאלטן ביים לעבן, נאר ער וועט זוכן צו פראדוצירן זיין טעגלעכע שפייז. „וישלחהו מגן עדן לעבוד את האדמה": האט מען אים ארויסגעשיקט פון גן עדן צו באארבעטן די ערד. (בראשית רבה פכ"א־ו')

לויט תורת משה איז דער וועג צוריק פארשפארט מיט פייער און שווערד: דער מענטשנמין וועט צוזאמען מיט זיין קולטור פארטיליקט ווערן אויב ער וועט זיך צווינגען צוריק צו קערן צו זיין פרימיטיווען לעבנסשטייגער. דע־

ריבער האלט דער יידישער וועלט באנעם, אז „אין בין עולם הזה לימות המשיח אלא שיעבוד גליות בלבד“: דער איינציקער אונטערשיד צווישן איצט און די צייטן פון משיח וועט זיין — וואס דאס יידישע פאלק וועט ניט מער זיין פארקנעכטעט אין גלות; אימפעריאליזם וועט פארשווינדן און אזוי־ווי יעדעס פאלק וועט לעבן פריי אין זיין לאנד וועט דאס יידישע פאלק זיין זעלבסטשטענדיק אין ישראל . . . (שבת ס״ג און רמב״ם „משנה תורה“ הלכות מלכים פי״ב הלכה ב׳).

יאזעפוס פלאוויוס

## דער מלך הורדוס רעדט צו זיינע חיילות

בעת דער שלאכט, וואס איז פארגעקומען צווישן צעזאר און אנטאניוסן ביי אקטיום, אין זיבעטן יאר פון הורדוסנס מלכות, איז געשעען אן ערדציטערניש אין לאנד יהודה, ווי זיך ערגעץ־אנדערש גארנישט פארצושטעלן, און האט אנגעמאכט א געוואלדיקע פארניכטונג צווישן די בהמות אין לאנד. אן ערך דרייסיק טויזנט מענטשן זענען אויך אומגעקומען אונטער די חורבות פון זייערע הייזער, דאס חייל אבער, וואס האט זיך אויפגעהאלטן אונטערן פרייען הימל, האט גארנישט געליטן פון אט דעם אומגליק.

די אראבער, דערוויסנדיק זיך פון די דאזיקע זאכן — געוויסע פארשוינען האבן געזוכט צופרידנצושטעלן זייערע הערער אין זייער שנאה און אויסדערציילט וואס עס איז געשעען אין א פארם ווייט פונם אמת — זענען געווארן זעלבסטזיכער ביי זיך. אז דעם שונאס לאנד ליגט חרוב און זיינע מענטשן זענען טויט און ס׳איז קיינער נישט איבערגעבליבן, אזוי האבן זיי זיך געטראכט, זיך זיי אקייגנצושטעלן. האבן זיי גענומען און געהרגעט די יידישע שליחים, וואס זענען געקומען מאכן שלום מיט זיי צוליב די דאזיקע געשעענישן, און מיט דער גאנצער גרייטוויליקייט האבן זיי געזוכט צו גענגען צו זייער לאגער. די יידן אבער האבן נישט דערווארט אט די אטאקע און אנטמוטיקט דורך די אומשטענדן זענען געגאנגען אזוי ווייט אז זיך מיאש צו זיין פון זייער זאך. ווארום זיי האבן נישט געהאט קיין שום האפנונג צו זיין גלייך אויף גלייך נאכן געשלאגן ווערן אין די שלאכטן און נישט אויף הילף מצד וועמען, היות זייער לאגע אין דער היים איז געווען אזוי ביטער.

אין אט דעם מצב האט דער מלך זיך באמיט מיט א ווארט צו דערמוטיקן זיינע הויפטלייט און הויבן זייער געפאלן געמיט. האבנדיק באוויזן א טייל פון זיינע בעסערע לייט און געגעבן זיי קוראזש, האט ער זיך דערנאך אונטערגעשטעלט אויך צו רעדן צו דער מאסע, וויי־גערנדיק זיך צוערשט דאס צו טון, טאמער וועט מען אים שלעכט באהאנדלען צוליב די אומגליקן. ער האט זיי אבער דערמונטערט, רעדנדיק צום המון מיט אט די דאזיקע ווערטער:



„עס איז מיר נישט אומבאקאנט, איר מענער, אז אין משך פון אט דער צייט האבן מיר זיך אנגעטראפן אויף אסך מכשולים אין אונזערע אונטערנעמונגען, און עס איז נישט גרייליך, אז אפילו די העלדישסטע לייט וועלן אויפהאלטן זייער מוט. נאר אזוי־ווי מיר זענען געצוואונגען צו פירן מלחמה און קיין שום געשעעניש איז נישט אזוי שלעכט, אז מיט איין טאט גוט אדורכגעפירט זאל עס נישט אויסגעבעסערט ווערן, האב איך מיך אונטערגענומען אייך צו דערמונטערן און אין דער זעלבער צייט אייך צו ווייזן מיט וואס איר קענט אייך בעסערן אייער געמיט. קודם כל וויל איך רעדן וועגן דער מלחמה און אייך ווייזן ווי גערעכט מיר זענען דאס טוענדיק, מחמת מיר זענען געצוואונגען געווארן דערצו דורך דער חוצפה פון אונזערע שונאים. ווארום אויב איר פארשטייט דאס, וועט עס זיין די גרעסטע סבה פון קוראזש אויף אייער זייט. ווייטער וויל איך ווייזן, אז מיר האבן גארנישט פארוואס מורא צו האבן אין אונזער לאגע און האבן די גרעסטע האפנונגען צו זיגן. לאמיך זשע אנהויבן פונם סאמע אנהייב, מאכנדיק אייך פאר עדות פון דעם וואס איך רעד, ווארום זיכער ווייסט איר ווי שענדלעך די אראבער זענען און ווי פאררעטעריש זיי האנדלען מיט אלע אנדערע — פעלקער — מעשים צו דערווארטן נאר פון בארבארן, וואס האבן נישט קיין השגה פון גאט. אבער איבערהויפט האבן זיי אונז אנגעגריפן מחמת גיריקייט און קנאה, לויערנדיק אויף א גיכן געווינס אין אונזער שרעק. און דארף איך נאך אסך רעדן? חוץ מזה, ווען זיי זענען געווען אין סכנה צו פארלירן זייער אייגענע הערשאפט און צו ווערן קנעכט פון קלעאפאטרא, ווער דען אויב נישט מיר האבן זיי באפרייט פון אט דער מורא? ווארום עס איז געווען מיין פריינטשאפט מיט אנטאניוסן און זיין גוטער רצון לגבי אונז, וואס איז געווען די סבה פארוואס אט די דאזיקע — אראבער — האבן נישט געליטן קיין מפלה נישט ווידער גוט צו מאכן, מחמת אנטאניוס האט זיך געהיטן נישט עפעס צו טון וואס וואלט אונז אויסגעזען פארדעכטיק. דאך ווען ער האט בדעה געהאט איבערצוגעבן א געוויסן חלק פון זייער און אונזער מלכות צו קלעאפאטראן, אויך אין דעם האב איך אזוי געשיקט געהאנדלט, שענקענדיק פיל מתנות פון מיין אייגענער טאש, אז סאי פאר אונז סאי פאר זיי האב איך דערגרייכט זיכערקייט. די קאסטן האב איך אויף מיר אליין גענומען, געבנדיק אים צוויי הונדערט צענטנער און נעמנדיק אויף מיר די אחריות פאר נאך צוויי הונדערט, וואס זענען געגאנגען פאר איר שאצקאמער, זיי אבער — די אראבער — האבן אונז באשווינדלט וואס שייך אט די סומעס — געלט. הגם קיינער האט פשוט נישט קיין רעכט צו דערווארטן, אז יידן זאלן צאלן צינז פאר זיי אדער אפגעבן א חלק פונם אייגענעם לאנד פאר זיי. און ווען אפילו יא, דאך אלץ נישט פאר אט דידאזיקע, וועמען מיר אליין האבן געראטעוועט. אויך זאלן אט די אראבער אונז נישט טון קיין עוולה דורך שווינדל נאך דעם ווי זיי האבן דערגרייכט א גרויסן חסד ביי אונז און דאס ווען מיר זענען נישט געווען זייערע שונאים, נאר פריינט. יא, אויב עס מוז זיין אן ארט

פאר צוטרוי בנוגע איינעמס גרעסטע שונאים, על אחת כמה וכמה מוזן איי־
נעמס פריינט אפהיטן דעם בטחון איינער אין אנדערן. דאס איז אבער נישט
דער פאל מיט זיי, וואס האלטן, אז געווינס איז דאס בעסטע אויף וועלכן אופן
עס זאל נישט זיין און אז עס איז נישט שלעכט צו טון אן עוולה, אויב מען
קען נאר דאדורך געווינען. איז נאך פאראן ביי אייך א ספק צי מען מוז נקמה
נעמען אין אט די דאזיקע רשעים, אז גאט אליין פארלאנגט עס און האט אונז
אנגעזאגט תמיד צו האסן חוצפה און אומגערעכטיקייט, און דאס־א איז נישט
בלויז גערעכט, נאר ממש נויטיק, ווייל מיר שטייען דאך אין א מלחמה! ווא־
רום סאי די גריכן סאי די באַרבארן זענען מודה, אז דאס זענען געזעצלאזע,
ווילדע מעשים און אזעלכעס האבן זיי געטון מיט אונזערע שליחים, שחטנדיק
זיי, הגם די גריכן דערקלערן העראלדן אלס הייליק און אומבארירלעך, מיר
אבער האבן געלערנט אט די דערהויבנסטע לערעס און הייליקסטע געזעצן
דורך מלאכים פון גאט. ווארום אט דער דאזיקער נאמען, העראלד־שליח, קען
ברענגען גאט צו אן אנטפלעקונג פאר מענטשן און שונאים שלום צו מאכן
מיט שונאים. וואס פאר א גרעסערער חילול־השם קען זשע דען זיין ווי צו
טייטן שליחים, וואס קומען פארהאנדלען א גערעכטן אפמאך? און ווי זאלן
זיי נאך קענען האבן וואוילשטאנד אין לעבן אדער מצליח זיין אין מלחמה,
באגייענדיק אזעלכע מעשים? מיר זעט עס אויס אוממעגלעך. עמיצער וועט
אפשר זאגן, אז הייליקייט און גערעכטיקייט זענען טאקע מיט אונז, נאר יענע
זענען גראד העלדישער אדער גרעסער אין צאל. אבער קודם־כל האט איר
נישט קיין רעכט דאס צו זאגן, ווארום ביי וועמען עס איז די גערעכטיקייט,
ביי זיי איז גאט אויך, און מיט וועמען גאט איז, דארטן איז אויך די צאל
און די העלדישקייט. לאמיר זשע זיך אפגעבן א דין־וחשבון פון אונזער אייגע־
נער לאגע. האבן מיר דאך געוואונען דעם נצחון אין דער ערשטער שלאכט,
און אטאקירנדיק אין דער צווייטער האבן זיי נישט געקענט אונזביישטיין
נאר זענען אנטלאפן, נישט זייענדיק ביכולת אויפצוהאלטן אונזער אנגריף
און קאמפסוויל. נישט קוקנדיק אויף אונזער נצחון, איז עתניון אונז באפאלן
און אנגעהויבן א נישט־דערקלערטע מלחמה. וואס פאר א מוטיקייט איז דאס
מצד זיי אדער פשוט א צווייטער פאל פון אומגעזעצלעכקייט און פאררעטע־
רישן איבערפאל? פארוואס זשע ווייזן מיר ארויס וויניקער מוט פנים־אל־
פנים מיט זאכן, וואס דארפן אונז געבן די גרעסערע האפנונגען? ווי קענען
מיר ממש זיך שרעקן פאר אט די, וועמען מיר באזיגן יעדעס מאל ווען מיר
שטייען באמת אין א קאמף מיט זיי, און אויב זיי געווינען א נצחון, דער־
גרייכן זיי עס נאר דורך אומגערעכטיקייט? און אויב אפילו מען זאל זיי
שוין באטראכטן פאר העלדיש, פארוואס זאל אונז אט דער עצם געדאנק נישט
אנשפארנען צו גרעסערע מעשים? ווארום מען באווייזט זיך נישט מיט שטאר־
קהייט דורך אנגרייפן שוואכערע, נאר אין בייקומען אפילו די שטארקערע.
נאר טאמער איז עמיצער אנגעשראקן דורך אונזערע היימישע ליידן און דורך
וואס עס איז געשען אין דער ערדציטערניש, זאל ער קודם־כל האלטן אין



זינען, אז אט די דאזיקע סיטואציע אליין וועט באטריגן אפילו די אראבער,
וואס זענען זיך משער, אז עס איז ערגער ווי באמת, און צווייטנס פאסט עס
דאך נישט פאר אונז ארויסצואווייזן פחדנות צוליב דער זעלביקער סבה דורך
וועלכער זיי האבן ארויסגעוויזן אזא פרעכהייט. ווארום עס איז נישט אויס
אן אייגענער גוטער אייגנשאפט, וואס אט די דאזיקע לייט ווייזן ארויס אזא
מוטיקייט, נאר פון דער האפנונג, אז מיר זענען שוין אויסגעמאטערט פון
אונזערע שאדנס. מארשירנדיק אבער קעגן זיי, וועלן מיר פון זיי אוועקנעמען
זייער גרויסע זעלבסטזיכערקייט און אויך צוריקגעווינען אליין דעם פארצוג
פון קעמפן קעגן די אנטמוטיקטע. ווארום מיר זענען גארנישט אזוי געקוועלט
און נישט, ווי אייניקע מיינען, איז עס א סימן פון גאטס צארן, אז דאס איז
געשען, נאר דאס זענען צופעליקע געשעענישן און אומגליקן. און אויב זיי
האבן אונז געטראפן אין הסכם מיט גאטס רצון, איז קלאר, אז זיי האבן אויך
אויפגעהערט אין הסכם מיט זיין רצון, בלייבנדיק צופרידן מיט די דאזיקע
געשעענישן. ווארום וואלט ער אונז נאך געוואלט שלעכטס טון, וואלט ער
דאך נישט געענדערט זיין שטעלונג. אז ער וויל אבער אט די מלחמה זאל
אנגיין און אז ער ווייסט ווי גערעכט זי איז, האט ער אליין באשיינפערלעך
קלאר געמאכט, ווארום בעת א טייל זענען אומגעקומען אין דער ערדציטערניש
ביי אונז אין לאנד, קיינער אונטערן געווער האט דאך נישט געליטן קיין שום
שאדן און איר אלע האט זיך געראטעוועט. אזוי ארום האט גאט עס בולט
קלאר געמאכט, אז אפילו אויב מיטן גאנצן פאלק, מיט ווייב און קינדער, איר
וואלט ארויס אין א מלחמה, וואלט אייך נישט אויסגעקומען לעבנסגעפערלעך
צו ליידן. נעמט אייך דאס אין זינען אריין, און איבערהויפט אז צו יעדער
צייט האט איר גאט פאר אייער באשיצער, און גייט ארויס מיט גערעכטי־
קייט און גוטן מוט קעגן די, וואס זענען אומגערעכט לגבי פריינטשאפט, קעגן
די וואס פארגעוואלטיקן וואפנשטילשטאנד, פארשוועכער לגבי שליחים־הע־
ראלדן און תמיד הינטערשטעליק אייער העלדנמוט.

דאס אויסהערנדיק, האבן די יידן זיך גענומען פילן אסך בעסער צו דער
שלאכט. הורדוס אבער האט געלאזט מקריב זיין די געהעריקע קרבנות מן־
התורה און גיך גענומען און זיי געפירט קעגן די אראבער. האט אריבערגע־
קווערט דעם טייך ירדן און אויפגעשטעלט זיין לאגער נישט ווייט פונם שונא,
נאר האט עס געהאלטן פאר קלוג צו פארכאפן די פעסטונג, וואס איז געלעגן
אין דער מיטן, ווארום אזוי ארום וועט ער האבן דעם פארצוג סאי גיך אנ־
צוהייבן די שלאכט סאי, טאמער דארף ער אפלייגן, צו האבן א באפעסטיקטן
לאגער פאר זיך. היות די אראבער האבן אויך געטראכט דערפון, האט זיך
אנטוויקלט א קאמף איבערן מקום. צום ערשט איז עס געווען א שיסעריי,
דערנאך האט מען זיך שוין געשלאגן האנט צו האנט און פוןביידע זייטן
זענען געווען אסך געפאלענע ביז די פונם לאגער פון די אראבער זענען
געשלאגן געווארן און האבן אפגעצויגן. דאס האט גלייך פיל געשטארקט די
האפנונגען ביי די יידן. און באמערקנדיק ווי זייער גאנצע ארמיי איז ליבער

געווען גרייט אויף אלעם, נאר נישט אויף קיין שלאכט, האט הורדוס, מיט מער קוראזש, געטומען ארונטערגעריסן זייער שאנץ און זיך דערנענטערן אנ־צוגרייפן זייער לאגער. ווארום ווען זיי זענען ארויסגעצוואונגען געווארן מיט אט די מיטלען, זענען זיי שוין ווייטער געגאנגען אין אומארדנונג און אן דעם מינדעסטן חשק אדער האפנונג אויף נצחון. זיי האבן זיך אבער געשלאגן האנט צו האנט, ווייל זיי זענען געווען מער אין צאל און אויך ווייל די נויט האט זיי געצוואונגען זיך אונטערצושטעלן. און ס'איז געקומען צו א שווערער שלאכט, אין וועלכער נישט ווייניק זענען געפאלן פון בײדע זייטן. צום סוף האבן די אראבער געליטן א מפלה און געטומען אנטלויפן; און אזוי גרויס איז געווען די הריגה בשעת זיי האבן זיך צוריקגעצויגן, אז נישט בלויז האבן זיי געמוזט שטארבן פון דער האנט פון זייערע שונאים, נאר זענען זיך אליין געווארן די סבה פון אומגליקן, צעטרעטן ווערנדיק דורך דער מאסע, וואס האט זיך א לאז געטון אין אומארדנונג און דורך פאלן אויף זייערע אייגענע כלי־זין. מינדעסטנס פינף טויזנט זענען געבליבן ליגן טויט. און הגם דער איבעריקער מאסע האט זיך איינגעגעבן צו אנטרינען הינטער דער פארשאנ־צונג, האבן זיי אבער נישט געהאט קיין שום זיכערע האפנונג געראטעוועט צו ווערן, ווייל עס האט זיי געפעלט פראוויאנט און איבערהויפט וואסער. די יידן האבן זיי נאכגעיאגט, אבער עס האט זיך זיי נישט איינגעגעבן אריינ־צודרינגען אין זייער לאגער צוזאמען מיט זיי. האבן זיי ארומגערינגלט די פארשאנצונג און געהאלטן וואך, שטערנדיק יעדן איינעם אריינצוגיין זיי צוהילף און יעדן איינעם, וואס האט געוואלט ארויס און אנטרינען.

געפינענדיק זיך אין אט דער קלעם, האבן די אראבער געשיקט שליחים צו הורדוסן, קודם־כל וועגן א וואפנשטילשטאנד און דערנאך, היות דער דורשט האט געדרענגט, וועגן אננעמען יעדן תנאי כל־זמן זיי האבן געקענט דערגרייכן זיכערהייט אויף דער וויל. הורדוס אבער האט זיך אפגעזאגט אויפצונעמען די שליחים אדער אנצונעמען אויסלייז־געלט פאר די געפאנ־גענע אדער וועלכע אנדערע מעסיקע באדינגונגען, מחמת ער איז געווען אנטשלאסן נקמה צו נעמען פאר די רשעותדיק טאטן, וואס יענע זענען באגאנגען קעגן זיי. זייענדיק אזוי ארום געצוואונגען צווישן אנדערן אויך דורך דורשט, זענען זיי ארויסגעקומען און האבן זיך אונטערגעגעבן אוועקגעפירט צו ווערן אין קייטן. און אי משך פון פינף טעג איז א המון פון פיר טויזנט געפאנגען געטומען געווארן, אבער דעם זעקסטן טאג האבן אלע איבערגע־בליבענע באשלאסן ארויסצוקומען אין א מלחמה־שלאכט אויף זייערע קעג־נער, אויסוויילענדיק אזא פארזוך, אפילו ווען ס'זאל זיי אויסקומען צו ליידן א מפלה, ליבער ווי צו ליידן ביסלעכווייז אויף א שענדלעכן אופן. מיט אט דער כוונה זענען זיי ארויס פון הינטער דער פארשאנצונג, אבער האבן נישט געקענט בשום אופן מאכן עפעס א ריכטיקן קאמף, מחמת געשלאגן אין גייסט און אין גוף האבן זיי פשוט נישט געהאט קיין שאנס זיך צו שלאגן גלארדייך און האבן עס באטראכט פאר אגעווינס צו שטארבן און אן אומגליק צו בלייבן



לעבן. אין אט דעם ביטערן קאמף זענען געפאלן פון זיי אן ערך זיבן טויזנט. ליידנדיק אט אזא מפלה, האבן זיי שוין פארלוירן די פריערדיקע זיכערקייט ביי זיך, זיי האבן אבער באוואונדערט הורדוסנס פירערשאפט, ווי ער האט זיך ארויסגעוויזן בשעת זיינע אייגענע אומגליקן, און האבן זיך אונטערטעניקט צו אים און אים פראקלאמירט אלס פארטיידיקער פון זייער פאלק. ער אבער, האלטנדיק זיך באַרעכטיקט צו שטאלצירן מיט די הצלחות, האט זיך אומ־געקערט אהיים און באקומען גרויס כבוד אויך דורך אט דער דאזיקער העלדישקייט.

איבערזעצט פון גריכישן אריגינאל א. אלמוג

מאניא הירש

## א טרעמפ

אוי, מיינע יונגע יארן,
ווי געשווינט זיי זענען פארשוואונדן!
און איצט קוקט מיך אן:
אלט, איינגעבויגן און צעבראכן.
צו וואס טויג טיך נאך
און וואס טויג מיר מיין לעבן?

אמאל האב איך געהאט פריינט אסך,
זיי האבן מיך ארומגערינגלט
ווי בינען ארום האניק.
אן אפענע טיר ביי מיר געווען
פאר חברים און פריינט
פון דער איסט־ענד און וועסט־ענד.

איינער געקומען מיר א ליד פארלייענען,
א צווייטער מיט א בילד געמאלן;
פאר יעדן א ווארעמע האנט אויסגעשטרעקט
און ווען מיט א מטבע געשטיצט
אין ווינטערדיקע נעכט —
אין שטורעמדיקע טעג.

ביים פלאמענדיקן פייער
מיט חברים פארבראכט,
פון מוזיק, קונסט, ליטעראטור,
דיסקוטירט ביז שפעט אין דער נאכט.—
א, דאס זענען געווען טעג און נעכט,
וואס האבן דערהויבן מיין נשמה, מיין גייסט,
דערפילט מיין חלום

צו א לעבן און לאזן לעבן !—
פון קיין גרעסער גליק האב איך נישט געוואוסט !

און איינמאל אין א פרימארגן
געקומען איז מיין בראך :
מיין גליק, מיין פארמעגן
פארשוואונדן, ווי פון הימל א בליץ.
מיינע פריינט פון מיר אוועק
און אויך זי, מיין געליבטע, פון מיר אוועק.

וואכן נאך וואכן גייען פארביי,
און איך וואנדער ארום איבער גאסן,
פארלוירן אין זיך אליין,
דאס הארץ פארשטיינט.
דער מוח אנגעפילט מיט בייזקייט און פיין,
ס׳ווערט מיר ביטערער מיין לעבן פון טאג צו טאג;
איך קאן נישט לעבן און קאן נישט שטארבן.

און איין טאג האב איך שכורן גענומען,
איך האב געטרונקען פון טאג צו טאג מער און מער,
געוואלט פארגעסן מיינע צרות, מיינעליידן . . .
און וואס בין איך אצינד ? — א שכור, א טרעמפ !—
א, זעט, מיינע פריינט, די פלאש איז פול מיט געטראנק.
וואס ארט מיך דען יעצט וואס איר דענקט !

ווער וויל דען וויינען אצינד ?
ווער וויל שטארבן ?
ווער וויל דען פרעגן ג אט „פארוואס ?"
א, איר חברים און פריינט מיינע,
איר האלט אייך מיט אייער קונסט
און איך — מיט מיין פארארעמט לעבן !

יידיש — נ. רובין

א. נ. שטענצל

## אויפן לאפציקער יאריד

2

דער לייפציקער וואקזאל איז געווען דער שטאלץ פון די לייפציקער יידן ווי די דיאמאנטן־בערזע פון די אמסטערדאמער יידן : דער גרעסטער וואקזאל אין דייטשלאנד — אין אייראפע !

יא, זיי האבן געהאט מיט וואס שטאלץ צו זיין — ס׳איז געווען די מחיה, די פרנסה. דער גאנצער ארום איז געווען באזעצט פון יידישע געסלעך, פון הינטערגעסלעך, און דער פראנט האט געפירט צום בריל, צו דער בערזע פון די פעלץ־סוחרים — דער לאפציקער יאריד.



אן אייביקער יארמארק, וואו ס׳זענען זיך צונויפגעלאפן אלע פוטערוווארג סוחרים פון דער גארער וועלט, אנגעהויבן מיט די טשעכיש־אונגארישע־גאליציאנישע פעל־סוחרימלעך מיט זייערן האזן־און קאנין־לאגערלעך אויף דער פפאפענדארף־שטראסע און פעפער־געסל ביז צו די גרויסע מינק און סויבל פוטערווארג מאגאזינען, וואס זייערע שיפן פון אפריקע און פון ווייטן ראסיי זענען געשטאנען ביי די האפנס פון ברעמען און האמבורג.

ווי דער טאג הייבט נאר אן צו בלישטשען, פון ערשטן צוג אן באגינען, שטייען שוין די האזן־הענדלער ארום וואקזאל און אין די געסלעך ארום, וואס ציען זיך ביז צום בריל, אפווארטנדיק די יעגערס, זייערע גוים, זייערע אויפקויפערס, וואס קומען מיט זייער פאנג פון די וועלדער און די בערג ארום : פון דער זאקסישער שווייץ, פון ריזנגעבירג, פון שווארצוואלד, העט העט אזש ביז צו די אלפן אפילו.

די יעגער קומען מיט די יעגער־זעק און די אויפקויפערס מיט די קערב, און עס ציט זיך אזוי איבער די געסלעך ביז צו די לאגערן, וואו עס שטינקט פון ווייסער ציגן־פעל און טכויר, ביז ארויף צו די מאגאזינען וואו עס „פאר־שמעקט" מיט סויבל און מינק.

זייט דער רוסישער רעוואלוציע זיצן שוין די „די מאסקווער קופצעס" אין קאפע פעלטשע אויפן סאמע אויסגוסטוס־פלאץ.

די אנגעלאפענע בחורים, די בית־מדרשניקעס און סטודענטלעך — די טישל־זיצערס גאנצע טעג אין די יידישע רעסטאראנדלעך אין דער גערבער און בארד־שטראסע, אין פעפער־געסל שולעכל, ביז מ׳דרייט זיך ערגעץ ארייו, ז׳רייט מען זיך אויך אויף דער ווייל אין די פרימארגנס ארום וואקזאל; פטור בלא כלום ציט מען שוין נישט אפ. (נישט איין שטילער „האז", אזא איז געווארן א ברילנדיקער לייב אויף דער בריל־בערזע . . .)

און טאקע אין אזא פרימארגן האב איך מיך באשטעלט מיט חבר לעווי, אן אנטרונענער פון לאדזש, אן אויסגעקאכטער הארטן אין די ליטערארישע קאפעען, א באקאנטער פון בראדערזאן, קאצענעלסאן — „ארייגעווארפן א מאל א פעליעטאנדל אין דער לאדזשער יידישער צייטונג" — א לייכט, פלינק מענטשל, א צאפלדיקס, א רירעוודיקס. זיך באשטעלט מיט אים צו באשמועסן מכוח גרינדן א שטיקל פאריין, א מין פרץ־קלוב און אפשר גאר ארויסצוגעבן א יידישע וואכן־צייטונג, איז נישט לאפציג שוין מקדמונים א יידישער מקום?

„דאס מאטעריאל איז דא, אפשר אנאנסן אויפן בריל — ס׳איז כמעט אלץ אונזערע יידן". „און איז דאס א תכלית פאר אונזערע בחורים די קארטן־טשלעך אין די רעסטאראנדלעך ?" האט זיך לעווי געקאכט.

און אפשר האט דער קלוגיטשקער לעווי גאר געמיינט מיך : און איז דאס א תכלית ביי דעם איינגערעדטן קמצן, ביי דעם מר־חיימען ? צו שטינקען ביי אים אין „זיין" קאנינכען־לאגער ?

„שטייענדיק דא ארום וואקזאל א האלבע שעה קאנט איר מער אויס־קריגן ווי א גאנצן טאג סארטירן זיינע האזן". . . מ׳ברויך נאר ס׳מויל

צו עפענען א פינגער צו לייגן — פטור בלא כלום ציט מען נישט אפ״. . .

הערנדיק פון מיין אפמאך מיט ד״ר זוהל, איז ער, לעווי, געווארן מלא שמחה. ער האט שוין אויך אויפן אויג א צוויי־שטיבן וואוינונג, ממש צוגעפאסט פאר אזא פרץ־קלוב, און מכוח דער צייטונג האט ער אויך שוין, געשמועסט מיט א זעצער — יענער חלשט ממש!. . .

„און מיינט איר, אז נאר אויפן בריל, צווישן די קאמיסיאנערן, קאנט איר טרעפן א ד״ר זוהל? אויך דא צווישן די „האזן״ ארום וואקזאל קאן מען טרעפן בארימטע פערזענלעכקייטן . . . אט פארט אן אלע פאר וואכן א בארימטער קראקעווער פאעט, א תושב איצט אין מינכן, מיט זיין קוזין און עקסטערן בינעבעלד, מיט זייערע קערב מיילוואירפן און מארדערס, צוזאמענגעראמשט צווישן די אלפן־יעגערס צווישן די אלגוי־גויים״. . .

האב איך שוין געוואוסט די אדרעסלעך פון די קאפעען און רעסטאראנדלעך אין די געסלעך ארום וואקזאל ביז צום ראזענטאל־גארטן, וואו מ׳קאן טרעפן א נאש־בראט, אן אייגענעם; אפילו פונם בארימטן לייפציקער „פאלקס־הויז״, וואו ראזא לוקסנבורג איז נאך געווען א שטאמגאסט און וואו די פאליטיש־אנטלאפענע דרייען זיך — דא איז ממש זייער עיר־מקלט.

ביים מיטאג־טיש אין יידישלעכן פענסיאן אין פלאונישע שטראסע אפזיצן שעהן מיט ד״ר עפשטיין, א רייך זונדל פון ווילנע, א מין טשודאק, זיך ארומגעטראגן מיט פרוידן אונטערן ארעם און געהאלטן אין איין רעצירן „די צוועלף״ פון בלאקן און זיך צוהערן צו „די קלאוויר־איבונגען״ פון א זייטיק חדרל. שעהן האבן זיך געצויגן די מאנאטאנע „איבונגען״־קלאנגען פון דער אויפגייענדיקער קינסטלערין — א ריגער סטודענטין אין לייפציקער קאנסערוואטאריע. און ער, עפשטיין, האלט אין איין ריידן איבער רוסישע ליטעראטור . . .

דארטן פלעגט דער פלינקער לעווי, דאס ספרותנע לאדזשער בחורל, ענטוזיאסטיש אנלויפן און אויספירלעך פירן זיינע פלענער.

איז דארטן, אין דעם פענסיאן, אויף א זאפע נישט ווייט פון דער טיר, פון וואו די קלאוויר־איבונגען האבן זיך געטראגן, געלעגן א צוזאמענגעפאלן נפש מיט א פארוואקסענעם קאפ האר און מיט פארמרוזשעטע לאנגבאברעמטע אויגן, אז מ׳האט אים געקענט אננעמען ווי א פארגעסענעם מוסטער — א מין פעל פון אן אפגעשוינדענער פרעמדער חיה.

. . . ער איז געווען דער „פאכמאן״, דער „ספעץ״ פון דער קאמיסיע, וואס איז אראפגעקומען צו דער לייפציקער מעסע־אויסשטעלונג; ארייגעפירט געווארן דא, אין פענסיאן, פון א קיעווער חבר, א „זיעמליאק״, וואס איז איצט א לייפציקער תושב פון די „ווייסע בערן״ און די קלאוויר־שפילערין, וואס וואקסט א „גרעסע״, א „וועלט־בארימטקייט״ איז טאקע זיין חברס א „פלימעניצע״. . .

אזוי לאנג אזוי ברייט — „ליובאוו״ האט זיך ארייגעמישט! די קאמיסיע איז אוועקגעפארן, געווינענדיק דעם ערשטן פרייז און ער איז געבליבן ליגן



דא אויף דער זאפע ביי דער טיר פון חדרל, פון וואו די קלאוויר־איבונגען הערן נישט אויף שעהנוויין.

צי זי איז טאקע א „טאלענט״, וואס וואקסט א „„וועלט־בארימטקייט״ איז נאך א גרויסער ספק. מעגלעך, אז דאס איז די „קונסט״ פונם „פעטער״, דעם אויפגעקומענעם מיליאנשטיק, דעם „ווייסן בער״, דעם לייב אויף דער בריל בערזע . . . אבער אז דער האר באוואקסענער, דער ברעמען־פארזשמורעטער אויף דער זאפע דא איז א גאון פון פאך, איז קיין שום ספק נישט —

ער וועט דיר פון בראק — און „דווקא פון בראק״ — צונויפשטעלן א מינק־פעלץ אויף וואונדוירים. „ווארום וואו איז די קונץ פון רעיעלער סחורה?״

גאנצע מוסטערן וועט ער אראנזשירן, קאמבינירן מיט טריקס, מיט שטיקלעך, מיט רעשטלעך און דווקא אט מיט דעם שטיקל ארבעט אויסנעמען . . . געווינען דעם ערשטן פרייז. וואו ס׳איז א לאך, א נישט־געלונגענער יעגער שאס, א ריס, א שניט, א פגימה־פלעק, וועט זיין א קאמבינירט פאנטאזיע טעשל, א קנאפ־לאך גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, א שפיגל מיט טויזנט חנען . . .

„ארבעטן זאלן בעלגישע פערד! ער ׳מאכט׳ ווען עס גלוסט זיך אים״.

„עס איז פונקט ווי מיט די אידלשטיינער, מיינט איר אז זיי האבן א ווערט? שטיינער ווי אלע שטיינער — דער שליף איז עס! און וואס מער שפאלטן א שטיין, וואס מער פנימות — וואס מער שליפן קאן ער האבן . . . ס׳איז דער טריק, דער שליף, דער אויפטו, וואס פינקלט״. . .

„ווער מיינט איר האט געשליפן דעם גרויסן שטיין אין צארס קרוין? מיין חבר מאשקע, וואס וואלגערט זיך נאך יעצט אין א טשייניע אין א הינטערגעסל אין מאסקווע 4 . . . ווי מיך ציט צו אים צוריק אהיים״!

וואלגערט ער זיך דא אויף דער זאפע א צעשויבערטער גאנצע טעג און הערט זיך צו צו די קלאוויר־איבונגען און צו ד״ר עפשטיינס „רעפעראטן״ איבער דער רוסישער ליטעראטור און ווען ער נעמט זיך דעקלאמירן בלאקן, הערט מען אפלאדירן פון הארט און די שטילקייט ווערט נאך סמיטנער . . .

און איינמאל אין א מיטוואך, ווען ס׳איז שוין באו מים עד נפש, פאלט ער אריין אין א ווארשטאט און דזשאבעט צונויף פון „נקודים וברודים״ א פעלצל — א טאק אפצוקושן און פון די פופציק מינק־פעלעכלעך בלייבט אים יתור — א פופצן! און דער גאנצער חודש מיטאגלעך אין פענסיאן ווערט אפגעצאלט מיט דאלארן. און ביינאכט ווערט געפראוועט א משתה פאר זיין אסטא אין „האנס זאקס געסכען״ — אין יענער נאכט ווערט נישט „געארבעט״ אפגעשלאסן פאר „געסט״. . .

„איינגעמאלדן? איינגעקשמאלדן?״ זיין „האנס זאקס געסכען״ דארף מען זיך נישט צומעלדן — דארט גייט מען אריין נאך האלבער נאכט און מ׳קומט ארויס צומארגנס נאכמיטאג א נישט־אויסגעשלאפענער . . .

אינצווישן האבן זיך ד״ר זוהלס איבערזעצונגען פון מיינע לידער גע־

נומען דרוקן אין פארשידענע צייטונגען און איך בין דערווייל געווארן „א גרעסע" און מיט דער „פלימעניצע" מיט דער אויפגייענדיקער „וועלט־בארימטקייט" געווארן א שטיקל מחותן . . ממש א שלישי שבשליש.

יאסקעל, א באקאנטער לייפציקער מאלער, וואס האט געהאט דעם „מענעס־קונסט־פארלאג, אינטערנאציאנאלע קונסט־מוסטערן אין אלע שפראכן, האט אפגעדרוקט צען מיינע לידער — גרויסן פארמאט אויף א מין יאפאניש־זיידענעם פארמעט־פאפיר.

זיצן מיר אזוי אינם פענסיאן און מיר „באגיסן" די אויסגאבע פון די צען לידער. פאלט לעווי קשוואווע אריין מיט טמוטנער באגייסטערונג: ווען ער האט א פופציקער, נעמט ער די צוויי שטובן פארן קלוב און אין דער קומענדיקער וואך קומט ארויס דער ערשטער נומער פון דער יידישער וואכנ־צייטונג: „מיטן דרוקער האט ער שוין אלע דעטאילן באשמועסט און דעם גאנצן מאטעריאל האט ער דא אין זיין אקטן־טאש".

פארקאכט אין אונזער „באגיסן" און נאך מער אין לעוויס פלענער האבן מיר לגמרי נישט געהערט ווי דער פארשוין הינטן אויף דער זאפע האט זיך אויפגעכאפט און שוין שטייט ער איבער לעווין און האלט אים ביים אקסל:

„איך ווען ברויכט איר דעם פופציקער, זאגט די דאטע, די שעה, די סעקונדע". . לעווי האט זיך אומגעדרייט, דערזען דעם צעשויבערטן, דעם מיט די פארזשמורעטע ברעמען פארשוין און א דערשראקענער אים אנגעקוקט ווי א צעדרייטן. האב איך לעווין אנגענומען ביים צווייטן אקסל:

„אפגעמאכט. אבער זעט, אז בכל־אופן דער פרץ קלוב זאל זיין אויסגעמאלן און אויסמעבלירט ביז חול המועד פסח און מיר וועלן פראווען די צענטע יארצייט פון י. ל. פרץ און איך וועל זען, אז שעפטלען—דאס איז געווען אן אמתער יידישער טאלענט, איינער פון דער צעשפליטערטער ווילנער טרופע, וואס איז געבליבן א חתונה־געהאטער אין א יידיש געוועלבל אריין דא אין א יידישלעך געסל ארום וואקזאל — (גאנצע נעכט געמישט „ס׳תהילימל" אין רעסטעראנדל אין פעפער־געסל און אין דער פרי ביים ערשטן צוג געשפילט דעם „האז". . .) — זינגענדיק פרצס לידל, זאל „זי" אים באגלייטן אויפן קלאוויר, אויפן „פליגל". . .

דער צעשויבערטער פארשוין האט זיך שיער נישט צעריסן דעם יאשטשיק, הערנדיק, אז זי, די „פלימעניצע", וועט באגלייטן שעפטלען. אבער איך האב לעוויס באגייסטערט־ציטערנדיקן אקסל נאך נישט אפגעלאזט:

„נאך א באדינג. איך וועל אויף דעם אוונט האלטן א רעפעראט איבער פרצס חסידיש; דייטלעכער געזאגט: ׳בערל דער שניידער און יתור איז מותר׳."

נאך אין זעלבן פרייטאג איז דערשינען דער ערשטער נומער פון דער לייפציקער יידישער וואכנצייטונג אונטער דער רעדאקציע פון לעווי און מיטן אנהייב פון מיין דראמע „אין אויפגיין", וואס האט זיך גענומען דרוקן אין פארטזעצונגען.



און אין דריי־פיר וואכן שפעטער, חול־המועד פסח, צו דער צענטער יארצייט פון י. ל. פרץ האט זיך דער פרץ־קלוב געעפנט.

די צוויי שטובן זענען געווען געפאקט קאפ אויף קאפ און נישט נאר פון די אנגעלאפענע פליטים „די האזן", נאר עמך פון די געסלעך ארום, אלט איינגעזעסענע, פארזעסענע אין די געסלעך ארום — קירזשנערס און שניידערס, פעלצן־מאכערס און פעל־טרוקנער און אזוי שטעקעלעך־יידן, וואס דרייען זיך ארום בריל און אין די פארטאגן ארום וואקזאל.

דער אויפגייענדיקער שטערן, די צוקונפטיקע „בארימטקייט" האט נישט באגלייט שעפטלען, זינגענדיק די פרץ־לידער — „דער פעטער" איז געווען דאגעגן: „זי וועט זיך קאליע מאכן אירע איבונגען" — אזוי האט בפירוש געזאגט דער „גרויסער" פראפעסאר פונם „גרויסן" לייפציקער קאנסערוואטאריום. ביי זיי, ביי די אויפגעקומענע, ביי די לאקשן־סוחרים, האט אלץ געמוזט זיין „גרויס" און „גרעסע".

און עס איז געווען א גרויסע אנטוישונג פאר אונזער „מעצענאט", וואס האט אריינגעפאקט אין דעם קלוב מער ווי איין פופציקער — ער האט גארנישט געוואוסט ווי אים „אויסצוסטרויען". . יאסקעל האט געמאלט דעם פארטרעט פון י. ל. פרץ — וואס איז געלט? „נאפליעוואט".

אבער דערפאר האב איך ממש געזעען ווי ער איז געווען העכסט פארגיטיקט מיט רעפעראט . . . דאס איז געווען דער תמצית פון מיין ריידן:

אייגנטלעך וויאזוי האט דער באַרדיטשעווער רב געקאנט זיין אויף בערל דעם שניידערס צד — ער האט דאך צוגעגנבעט דאס פעלעכל און עס שטייט דאך בפירוש: לא תגנוב.

נאר „יתור איז מותר", ווייל מיט זיין חכמה פארדינט דער בעל־מלאכה דאס איבריקע פעלעכל. מיט זיין געניטקייט און פאכמענישקט דעראיבריקט ער עס מיט זיין קונציקן צושניט, מיט זיין געניטן ארראנזשירן. עס איז זיין כשרער פארדינסט — זיין טאלענט!

דעם פארטאטש פעלט תמיד אויס א פעלעכל צו די דריי טוץ מינקפעלעכלעך, אבער דעם קינסטלער בלייבט נאך מן הצד פינף — דאס איז זיין. ס׳איז ווי תקיעת־שופר: „חכמה ואין מלאכה".

ביים לעצטן זאץ האב איך דערזעען דעם פינקל פון זיינע פארזשמורעטע אויגן — זיי האבן געבלישטשעט, פונם זשמור ארויס ווי צוויי גוט געשליפענע קונציק איינגעפאסטע ברילאנטן.

אז מ׳האלט שוין ביי א מעצענאט——דערווייל האט דר. זוהל געדרוקט יעדע וואך אן איבערגעזעצט ליד, האט ער פאראינטערעסירט דעם ארויסגעבער פון דער צייטונג, אן אונגארישן ייד, קאהן, ארויסגעבן די לידער קודם אין יידיש. דער קאהן איז געווען א גוטער ברודער: „וואס מאכט אים שניפטאלבן דאלאר? ווער ער ארויסווארפן"! האבן זיי געגרינדעט דעם „שמש־פערלאג" — זוהל דער רעדאקטאר, קאהן דער פארלעגער.

סארטירנדיק די לידער האט דר. זוהל זיי איינגעטיילט אין צוויי טיילן:

„און דו ביזט גאט" — גאט־לידער און „זוך איך דיך" — ליבע לידער. איך האב נישט געפילט דעם אונטערשיד; פאר מיר זיינען זיי אלע געווען איין ליד — בענקעניש, דבקות, זיך באהעפטן . . .

זוהלן איז עס מסתם געגאנגען אין די צייכענונגען (ער איז אויך געווען א צייכנער און ער איז אויך געווען א לייפציקער־בארימטקייט מיט זיין קאנטרא קלינגער־בוך). שוין געהאט געצייכנט די צוויי שער בלעטער . . צו „און דו ביז גאט" און „זוך איך דיך".

דערווייל האט זיך דער דייטשער גאלד־מארק סטאביליזירט און מיט די „לאקשן" האט עס געקאכט אויפן שווארצן מארק, עס האט זיך געטון פינסטער חושך! ס'האט „געברילט" — א טרויערזש וואלט זיך אריינגעכאפט אין א שטייג אריין . . .

„און דו ביסט גאט" איז טאקע געווען אפגעדרוקט, שוין געלעגן ביים איינבינדער, אבער „זוך איך דיך" איז געלעגן אפגעגאסן אין בליי, כאטש זוך דעם נעכטיקן טאג . . .

איז קאהנען איינגעפאלן, — ער האט כסדר געלעבט מיט זיין צייטונג פון איינפאלן, (פון „גועניאלע" איינפאלן), — דר. זוהל זאל ארויפגיין צו מאצן, דעם „שוועניץ־קעניג", א היימישער מענטש, א סאלידער סוחר, וועט ער ארויסקריגן פון אים א נייעם קנאקעדיקן 100 מארק שטיק.

אומר ועושה, זוהל האט גערעדט מיט אים און מיר זיינען פארבעטן געווארן צו א גלעזל טיי. זוהל האט דווקא געוואלט, איך זאל מיטגיין: „דער דיכטער" אליין . . ס'וועט מאכן מער איינדרוק". .

דער זאל איז געווען באלויכטן מיט אלע לעמפ און די מאדאם מאץ האט געלייכטן אין עסיק און אין האניק . . . אבער דאס שיקסל, וואס באדינט, האט זיך צופיל אדורכגעווארפן מיט מיר, מיט אירע פינקלדיקע בליקן. אזוי, אז די גאסטגעבערס, דער מעצענאט מיט דער מעצענאטעכע האבן זיך גענומען פינסטער איבערקוקן. דר. זוהל, ווען זיינע פיס וואלט נישט געווען געלעמט, וואלט מיר אונטערנטיש זיכער געגעבן אנצוהערן . . .

מ'האט שוין דערלאנגט דאס דריטע גלעזל טיי, אבער די „שוועניץ־קעניגין" איז שוין ביים טיש נישט דערשינען . . .

ביים אראפגיין פון די שטיגן קוקט מיך דר. זוהל אן מיט זיינע גרויסע ליכטיקע אויגן: גיי האב צו טון מיט א פרא אדם . . .

„וואס זאגט איר דר. זוהל צום דעם ליכטיקן „זוך איך דיך". ער האט געשפירט מיין אנהערעניש . . . ער האט געקוקט אין א זייט און שווער געלעגן אויף זיין שטעקן און איך האב לייכט אונטערגעברומט דעם טאקן פון דעם זאקסישן בארימטן פאלקס לידל: „זיי העלע און בלייב יונג געזעלע".

דער באנד ליבע לידער „זוך איך דיך" איז שוין נישט דערשינען, ער איז געבליבן ליגן, אנגעגאסן אין בליי . . .

זייט דאמלט, אז איך הער נאר בלויז דאס ווארט „מעצענאט" — —

— סוף אין קומענדיקן נומער —



# די לייטער אויף דער וואנט

— פאר ע. צום 75סטן געבורטסטאג —

ווי ס'וואלט ווער געזעסן דא פארבארגן, בסתר,
און אויף דער וואנט ווי אויף א לייוואנט א ווייסער,
אנגעווארפן קוביסטיש פלעקן פיר־עקן —
ליכט־רעפלעקסן וואונדערלעכע וויזיעס וועקן.

אויף זון־פאליטרע ווי ס'בלענדן די קאלירן,
און ווי געשיקט דעם פענזל ער טוט דאס פירן;
ווי טיף דער הימל באמאלט איז שוין דרויסן,
און זע אויף דער וואנט א מין לייטער א גרויסן.

כאטש אין הימל ארויף ארויפצוקלעטערן!
בלויז וועט נישט אונטן באלד ביימל צעבלעטערן?
אזא קאלטן ווינטער און ס'האט אויסגעהאלטן,
זע, די זון־לייטער גרייכט שוין צום באלטן.

איך קוק אויפן הימל, אויפן הויף ארונטער:
צי האט דען א שיעור צו געזונט און געזונטער?
מען מוז נאר אויסהאלטן ווי דאס קראנקע ביימל!
אין קאפ פיקט זיך ווי גומל־בענטשן א גריימל.

נישט אונטער מיין נאז ווער — אין האנט ס'ציטערט פעדער!
איזהו גבור ס'קאן זיין דערמינדסטער און יעדער!
צו בליען מ'מוז דען זיין א דעמב, א צעדער,
צעקרומטע ביימלעך און ס'קנאספען עפל־סעדער.

## דאס ביימל

טיף אין הויף, אין ווינקל טונקל,
צווישן צוויי שווארצע ווענט פארשטעקט;
דאר צעקרומטע הענט די צווייגן,
בעטלעריש־ליידיק אויסגעשטרעקט.

בלעטל קוים בליקט, קנאספל קוים ווינקט,
טאפנדיק בלינד — דאס אויסזען שרעקט!
זיין ווארצל א הונט נישט באנעצט,
לויפנדיק זיין שטאם נישט באשמעקט.

אבער איבער אים ס'ביסל בלוי!
קיין וואלקן נישט מער באפלעקט;
אויף זיין שפיץ א פייגעלע צוויטשעט,
אין זיין הארץ פריידציטער זיך וועקט.

אזוי זיך צו צעצוויטשערן,
אז ס׳ביסל לעבן שיער זיך עקט,
מוז דאך זיין עפעס דארט אויבן,
א מין וואונדער וואס זיך אנטפלעקט.—

ווי ווייניק ס׳ביסל כוח אין אים,
פאר דער רגע איצט נאר אז ס׳קלעקט!
ווי ענג דער ארום, ווי טונקל,
גארנישט פאר אים ס׳איז מער פארדעקט.

II

ווילאנג איז כ׳בין פאר דעם בוים געשטאנען,
איינגעהילט ר׳איז געווען גאנץ אין וויאנען,
א ווינט טיף צו דער ערד אים געבויגן
און ווי געוויינט ר׳וואלט פון טויזנט אויגן.

און איך פאר אים, ווי בין איך געשטאנען,
איז פאר דעם טרויער ווערטער פאראנען?
א ווראנע געקרא צווישן די צווייגן
ענטפערט מיר — אזא פארפינסטערט שווייגן.

כ׳שטיי יעצט פאר דעם זעלבן בוים פול שטוינען,
א זון־צעבלאנקטער אין טויזנט קרוינען,
מיט פערל שנירלעך -— מיט טוי באהאנגען,
צווייגן צעשטרעקט הימל צו דערלאנגען.

זיינען ווערטער פאר דער פרייד פאראנען?
הער, ס׳צוויטשעט א שוואלב — צווייטער פארשטאנען,
אן ענטפער — כ׳שטיי דעם קאפ טיף געבויגן:
ס׳הארץ פרייד צעפלאטערט — מיטאויפגעפלויגן —

אז כ׳קען דאס אלץ זען, כ׳בין נאך פאראנען,
עס מיטנעמען ווען כ׳וועל גיין פונדאנען,
בלוי אויפצובליען מיט מיינע אויגן —
ס׳וואָרצלט אלץ איינס־נ׳צווייטן איינגעזויגן —

## פון א שפאציר צום פארקל

1

איין פלאץ ליידיק אויף פארקל־באנק,
ניין, יענער איז שוין נישט מער קראנק...
מען הערט נישט מער זיין הוסטן און ניסן,
קוים עס קלעבן זיך אונזערע שמועסן.



פון אים דערציילן מען מיידט אויס,
און דווקא פון אים ס׳טראכט זיך בלויז;
אז וואס איז שוין דא אסך צו ריידן,
ס׳וועט סאי־ווי־סאי קיינער נישט אויסמיידן.

און אויבן דער פויגל וואס טרעלט,
ער זינגט נישט קיין לידער — ער שעלט!
ווי ווארעם די זון שיינט אצינד ווידער,
און שוידער ריזלט איבער די גלידער —

א שלענגל די זון קוים דערבליקט,
באלד פון א טויב ס׳ווערט אויפגעפיקט!
נישט פון מידקייט פאלן צו די אויגן —
נישט זען די טויב מיט שלענגל אויפגעפלויגן.

2

דער פלינק פארבייפליענדיקער פויגל
אין אויער אריין מיר א שעפטש געגעבן:
נישט גערעכנט אז טרעפן כ׳וועל דיך נאך,
לוינט טאקע צו שלעפן אזא לעבן?

נאך שטייט זון־קילעכדיק איבער מיין קאפ,
איך א פארכשופטער אין איר עגול —
איבער מיר געבויגן שטייט מיין מאמע,
ס׳איז די וואקלדיקע ערד דאס וויגל.

הער איך נישט ציטערדיק צווישן געצווייג
איר לידל איבער קאפ שטילינק טריפן?
ווילאנג מאמעס בליק איבער מיר — ליכטיק
פינסטערסטע עמק הבכא טיפן.

אז וואס זיינען דען איבער פרישן גראז
די זון־צעפונקלטע קלארע טראפן,
אויב נישט די לויטערע מאמע־טרערן
איבער וואקלדיק וויגל צוקאפן?

3

ווי שיין די גרינע ערד איז אצינד
און אויף איר דער צעקנאספעטער בוים;
אז כ׳וועל נאך שפאנען אויף איר אצינד,
געגלויבט איך האב עס קוים?

ווי קלאר דער בלויער הימל אצינד,
פון פויגל־געזאנג ווי ס׳הארץ זיך הויבט;
אז דאס הערן נאך און זען אצינד,
איך האב עס קוים געגלויבט.

באגעגנט א בליק איך האב אצינד,
ער האט מיך אזוי פריידיק געמאכט ——
אז כ׳וועל נאך טראכטן פון דיר אצינד,
איך האב עס קוים געטראכט.

ווי וואונדערלעך שיין די וועלט אצינד —
גוט נאך אזוי ס׳טוט א מענטשנס בליק!
אז טראכטן אזוי איך קאן אצינד,
קאן זיין א גרעסער גליק?

4

אז ווידער איך האב נאך דערלעבט די זון —
בוים וואס צעשטרעקט געשפאנט זיין געצווייג!
נישט ווי א ווארעם צווישן געווארצל,
וואס ראיעט מיט פינסטערן געשווייג.

א פויגל פון א וויטן, פרעמדן לאנד
צוריקגעקומען כ׳בין פונקט אזוי;
ליכטיק זינגענדיקע מיינע אויגן
איבערגייען מיט הימלישן בלוי.

בינען פון קנאספל צו קנאספל פליען,
אנגעזויגן מיט האניק, מיט גיפט — —
נישט „פה נטמון" אותיות איבער מיר —
מיין שטערן צעשורהט מיט געשריפט!

אז מיט די פייגל יונג צעזונגענע
מיין שירה היי־יאר איך זינג נאך מיט;
מיט מינדסטן גרילעכל אין פרישן גראז
צעטאנטצן מיין וואקלדיקער שריט.

5

ס׳גנבעט זיך עמעץ אונטערן רוקן,
שפילט זיך אין באהעלטערלעך, ס׳זעט אים קיינער;
דעם גיט ער שטעכיק א שטורך אין דער זייט,
יענעם בייז א גראבל אין די ביינער.



איינעם קאלט א בלאז אין נאקעטן פליך,
דעם שקציש א צי ביי א טויבן אויער;
לאכט טייווליש די זון אין פנים אריין,
און באהויכט זי ווי א שפיגל אין טרויער.

אזא טויט־שטילקייט שארט זיך ארום הארץ:
קאן ווער בעכער־זון ביזגל דנא אויסטרינקען?
פאלן מיר די וויעס פאמעלעך צו —
אין א פינסטערניש כ׳וואלט אלץ טיפער זינקען.

א ווינטל פון שפיץ־ביימל וועקט מיך אויף:
איז נישט אקארשט ווער הינטער מיר געשטאנען?
מיט א שוידער קאלט איבער רוקן
פון פארקל פאמעלעך כ׳נעם אהיים שפאנען.

* * *

מאך איך די טיר צוריק צו,
וועגט זיינען אזוי גרוי —
מ׳קאן דען די זון מיטברענגען?
אבער א טראפעלע טוי —

הענגט א טרער אויף מיין וויע,
קייקלט זיך שטילינק אראפ;
אין א טריבן חשוון־טאג,
אויף א שויב א רעגן־טראפ.

## צוויי ווייטשעפל - לידער

אז דא האבן געוואוינט אמאל יידן,
מען קאן עס אצינד צומאל קוים מערקן;
אז א ייד אויף א רפואה נישט צו זען!
פול ס׳געסל מיט פאקיסטאניס, מיט טערקן.

א געשריי, א גערודער, א געקראך,
מען וואלט זיך געהאלטן אין איין קריגן:
א קאלירטס ביי דער ברוסט האלט א ווייסע,
אין א ווינקל צוויי שכורים ליגן.

פונם קאפעע גארגלט זיך חזניש
א ניגון טרויעריק, מדברדיק־זיסלעך;
אלע ווײלע ווייזט זיך אויף דער שוועל
א פאר נאקעטע, געפארבטע פיסלעך.

קיין זכר א שול אמאל דא געשטאנען —
געבאמבטער חורבה איבערגעקערטער!
אויף א צעבראכן טויער אפגעמעקט
צו זען נאך א פאר יידישע ווערטער.

ווי אויף א בית־חיים א מצבה,
אותיות צעקרישלט, האלב צעריבן;
אבער דאך ארויסבאקומען מען קאן
וואס אויף טויער געווען אויפגעשריבן:

„כשרע מילך דירעקט פונם געמעלק
יעדן פרימארגן מען קען דא קריגן,
און פאר קראנקע און פאר קליינע קינדער
קאזע־מילך פון היימישע ציגן".

הינטן הענגט פארזשאווערט א מזוזה
אויף ווערעם־צעפרעסענעם ביישטידל —
ווי כ׳וואלט געלעגן מיט די שכורים
און געזונגען איצט מיט זיי מיין לידל.

2

צוואנציק געסלעך מיט יידישע הייזלעך,
פול געפאקט מיט עמך, מיט הארעפּאשניקעס,
אויף דעם ערד־קוואדראט רחבותדיק דא געשטאנען;
פון א ווארט־קלאנג, פרייטאג פון פיש־ריח,
געוואוסט פון וועלכן ישוב געקומען, פונוואנען.

פסח די געסלעך געשמעקט מיט מצה,
סוכות מיט אתרוג, מיט לולב, מיט סכך,
חול־מועד — ס׳פריילעכע געהילך פון ניסן־שפילן!
ווען פון מיין דאך־שטיבל ארונטערגעקומען,
ווי צעשטראלט מיט רעיונות, מיט געפילן.

אצינד אויף דעם קוואדראט — א גוג־מגוג בלאק,
א בבל־טורעם שטאק אויף שטאק, גארן אויף גארן,
די ריחות, ווי די לשונות, אזוי פארשידן;
און אין דער פרייד־שעה, ווען מ׳גייט פון דער ארבעט,
קיים צו דערקענען א פנים פון א יידן.

דער רוף פון די קינדערלעך כלערליי קאלירן,
דאס הילכיקע גערודער ביזגל צום הימל;
דאס נחתדיקע געשריי ביים פוטבאל שפילן,
קיין איין יידיש קינד צווישן די קינדערלעך —
צי קאן מען זיך דען נאך איינזאמער פילן?

צווישן די פאר אלטיטשקע שניידער „פענשיאנס"
וואס וואוינען נאך אין די פארטערס אונטן —



זייער פאדים איז שוין לאנג אויסגעגאנגען!
שטיי איך און קוק פון א פענסטער ארויסעט,
ער זאל אנקומען מיט זיינע הוילע שפאנען —

מוז איך דיר ערשט לייגן פינגער אין מויל אריין,
ווער ער איז, פון וואו ער וועט קומען, פונוואנען?

מאיר באגדאנסקי

## צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

דער יארטאג פונעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא איז געווארן די סימבאלישע יארצייט פאר יעדן איינעם פון אונז צו פייערן דעם אנדענק פון אונזערע אייגענע טאטעס און מאמעס, ברידער און שוועסטער; אונזערע פרויען, מענער און קינדער; אלע אונזערע משפחה מענטשן; אלע אונזערע שכנים; אלע די וואס גייען אריין אין דער אומבאגרייפבארער צאל פון די זעקס מיליאן פרויען, מענער און קינדער — יא, קינדער — א גאנצער מיליאן — וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן דורך די נאציס בלויז דערפאר ווייל זיי זיינען געווען יידן.

איבער דרייסיק יאר זיינען שוין פארביי זינט דידאזיקע שחיטות האבן זיך אנגעהויבן. א פאפולער ווערטל זאגט, אז צייט היילט די ווונדן. אבער אונזערע ווונדן האבן זיך נישט פארהיילט נאך און זיי וועלן זיך מסתמא קיינמאל נישט פארהיילן. יעדער איינער פון אונז נצול געווארנע איז געבליבן ווי פון א שטיין ארויס. יעדער פילט זיך ווי א פלאנץ אויף א פולשטענדיק טרוקענעם באדן — ווי בארויבט פון אלע, אבסאלוט נויטיקע, נארהאפטיקייטס זאפטן. אלע אונזערע נאענטע וועלכע זיינען אומגעקומען שטייען פאר אונזערע אויגן סיי ווען מיר לייגן זיך שלאפן, סיי ווען מיר שטייען אויף. דער ווייטיק אין אונזערע הערצער האלט אן און וועט מסתמא אזוי אנהאלטן ביז צום סוף פון אונזער אייגן לעבן.

אונזער טרויער איז נישט קיין קונסטלעך אונטערגעהאלטענער, נאר א רעזולטאט פון די פריער דערמאנטע אומשטענדן.

אבער טרויער איז בלויז איינער פון די אויסדרוקן פון דער היינטיקער פייערונג דא. פאר דערדאזיקער געלעגנהייט האבן מיר, נישט אומזיסט, אויסגעקליבן דעם יארטאג פון אויפשטאנד. יא, אויפשטאנדן — אין דער מערצאל! ווייל אויפשטאנדן זיינען פארגעקומען אין פיל געטאס און קאנצענטראציע לאגערן; אבער דערפאר וואס דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא איז געווען דער גרעסטער לויט זיין פארנעם האבן מיר אנגענומען די דאטע פון זיין אויסברוך פאר דער, פריער דערמאנטער, סימבאלישער יארצייט. און אויף דעם ווארט „אויפשטאנד" אדער „ווידערשטאנד" לייגן מיר דעם טראפ. עס איז אונזער פליכט דאס צו טאן, ווייל פון אלע זייטן, אויך יידישע זייטן, באמיט מען זיך צו דערניידריקן אונזערע קדושים פרווונדיק איינצורייטן אונז,

אז זיי האבן זיך געלאזט פירן צו דער שחיטה ווי שעפעלעך — אן א פיפס צו טון.

די יידן זיינען געווען די איינציקע אונטערן דייטשן יאך וועלכע האבן אדורכגעפירט אויפשטאנדן קעגן זייערע מערדער. קיין שום פאלק און קיין שום לאנד, וואס איז געווען אקופירט דורך די דייטשן, האט קיין ארגאניזירטן אויפשטאנד נישט געמאכט (מיטן אויסנאם פון די פאלאקן, אבער דאס איז א באזונדער קאפיטל). הגם די דייטשן האבן אין אלע די דאזיקע לענדער אויסגעפירט די שוידערלעכסטע מערדערייען אויף דער באפעלקערונג. דערצו נאך איז דאך דער מצב פון די יידן אין די געטאס גארנישט געווען צו פארגלייכן מיטן מצב פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג — ווי שלעכט ער זאל נישט האבן געווען.

די געטאס זיינען געווען אפגעשלאסן פון דער וועלט, אן שום מעגלעכקייט פון קאמוניקירן זיך מיט וועמען. קיין שפייז איז נישט געווען. קיין מעדיקאמענטן זיינען נישט געווען. די מענטשן זיינען געשטארבן אין די מורהדיקסטע יסורים פון הונגער און אלערליי קרענקן. און אלס צולאג איז מען מורהדיק געשלאגן געווארן דורך די דייטשן וועלכע פלעגן אפט קומען אין געטא אריין בלויז מיט דעמדאזיקן ציל. און ביי אלעם דעם האבן די געטא יידן זיך נישט אונטערגעגעבן דעם גורל. זייער גייסט איז קיינמאל נישט געבראכן געווארן. דער ביטערער געראנגל פארן אויפהאלטן דאס לעבן אליין האט נישט אפגעטעמפט ביי זיי דעם דראנג צום רוחניות. אלע סארטן קולטור פאראנשטאלטונגען האבן עקזיסטירט: שולן (דאס האט געמוזט זיין אין געהיים), טעאטערן קולטור אימפרעזעס; און יעדע פון די דאזיקע אונטערנעמונגען איז דאך געווען פארבונדן מיט לעבנס־געפאר — און איז דאס אליין נישט ווידערשטאנד? און ערשט די אויפשטאנדן אליין . . . ווער קען באנעמען דאם מסירת נפש פון די וועלכע האבן זיך ארויסגעשמוגלט פון געטא כדי איינצוקויפן געווער (פאר געלט וואס מען האט אפגעשפארט פון דעם מאגרן ביסל עסן) און דערנאך עס אריינצושמוגלען אין געטא אריין. אין געטא האט מען איינגעארדנט אייגענע געווער פארבריקן.

איך האב פריער דערמאנט אז פאלאקן האבן אין ווארשע אדורכגעפירט אן אויפשטאנד קעגן די דייטשן. אבער זייער לאגע איז דאך גארנישט צו פארגלייכן מיט דער לאגע אין געטא. זיי האבן געהאט געלט לרוב וואס זיי האבן געקריגן פון זייער רעגירונג דא אין לאנדאן; זיי זיינען געשטיצט געווארן פון אלע זייטן; זיי זיינען פון נויט נישט געשטארבן; געווער האבן זיי געהאט אסאך. און ביי אלעם דעם האט זייער אויפשטאנד געדויערט בערך אזוי לאנג ווי דער געטא אויפשטאנד. און אויב אין די געטאס איז געווען ביטער איז דאך אין די קאנצענטראציע לאגערן געווען פיל ביטערער. און אויך דא האט מען אדורכגעפירט אויפשטאנדן — און ווידעראמאל בלויז יידן.

פאר אונז, די נצול געווארענע, איז דאס דערמאנען די קדושה און גבורה פון אלע אומגעקומענע — און צו זיי רעכענען מיר אויך צו דעם קדוש



ארטור זיגלבוים — א טרייסט אין אונזער פיין. אויף אונז ליגט די אויפגאבע צו דערציילן דעם יונגן דור יידן וועגן דעם אלעם. דער יונגער דור דא געבוירענע ווייסט גארנישט וועגן דעמדאזיקן שוידערלעכן פעריאד אין אונזער געשיכטע און פילט נישט קיין שום אחדות־געפיל מיט די יידן פון די געטאס.

אויך דער וועלט מוזן מיר כסדר דערמאנען דערוועגן. נישט כדי צו באקומען זייער מיטגעפיל, אדער כדי זיי צו פאראומערן דאס לעבן, נאר כדי זיי צו דערמאנען צו וואס אומגעצוימטע רשעות קען דערפירן.

די קאמוניסטישע מושלים פון היינטיקן פוילן, וועלכע האבן שוין באלד פארענדיקט היטלערס אנגעהויבענע אקציע צו מאכן פוילן „יידן ריין”, האבן זיך צוגעאייגענט דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא. דארף מען זיי לאזן וויסן אז אויב עס איז זיי געלונגען אונז פיזיש אויסצווווארצלען פון דארט — וועלן זיי, אבער, אונזער געשיכטע נישט אפמעקן.

מיר יידן, וועלכע זיינען אין אונזער גרעסטער מערהייט צעשפרייט איבער דער וועלט, פארמאגן, פון קדמונים, אונזער נאציאנאלע אייגנארטיקייט. נאציאנאלע אייגנארטיקייט אין די נאטירלעכע זאך אין יעדעס פאלק, יעדע טענישע גרופע איז בארעכטיקט עס צו האבן. פעלקער פון פארשידענע קולטורן קענען עקזיסטירן זייט ביי זייט אויב זיי טאלערירן איינס דאס אנדערע. און ווען מיר דערמאנען דער וועלט וועגן אונזער חורבן — איז דאס צו דערמאנען זיי אז די וועלט איז איינע און אז זי איז געגעבן צו אלעמען גלייך.

לאמיר האפן אז סוף כל סוף וועט קומען די צייט פון פולשטענדיקן שלום און טאלעראנץ און מיר יידן וועלן געניסן דערפון אין גלייכער מאס.

אסתר ערליכמאן 1970 **יזכור** 1943

מיר קומען זיך צוזאמען היינט דעם 19־טן אפריל, מיט א ציטער אין הארצן, און פרעגע אויף די ליפן, פאר וואס?

מיר קומען זיך צו זאמען אין טיפן טרויערן צו באערן דעם אנדיינק פון די העלדישע קעמפער, אין ווארשעווער געטא, און צו דערמאנען, דעם גרויסן חורבן, דעם גרעסטן אין דער געשיכטע, פון יידישן פאלק, און אין דער געשיכטע פון דער גאנצער מענטשהייט, ווען א ציוויליזירט פאלק, (א אזוי גערופענע) איז גרויזאם באפאלן דאס קליינע יידישע פאלק, מיט דער אבזיכט זי אנטגילטיג צו פארניכטן, פאר די אייגן פון דער וועלט וואס האט געשוויגן.

די וועלט האט געשוויגן ווען רוצחים, זיינען מיט פארברעכערישע געזעצן ארויס קעגן יידן. ווען זיי האבן אין מיטן דער נאכט, יונג, און אלט, פון זייערע היימען ארויס געריסן און ביז זבאנזשין געטריבן.

די וועלט האט געשוויגן ווען איבער אלע ימים האבן וואגלדיקע שיפן, מיט יידן, צו קיין שום ברעג ניט דערלאזט געווארן.

טויב, און בלינד, איז געווען די וועלט ווען די דייטשע מערדער האבן דעם מארד איבער אומשולדיקע אנגעהויבן. פאר בלינדקייט פאר ניט וועלן זען, האט זיך די וועלט אין בלוט געבאדן. און צושפרייט האט זיך די מערדערס ממשלה: זיי האבן געמארדעט, געשאכטן, פארגאזט, און פארברענט.

דער פויבסט, די דיפלאמאטן, די וויסנשאפטלער, די גאנצע ציוויליזירטע וועלט, קיינער האט ניט דערהערט דעם ווי געשריי פון צום טויט, פארפיי־

ניקטע, מיליאנען, יידישע מענער, פרויען, און קינדער, דעם פארן טויט, אויסגעשריי פון יידישע מאמעס, וועלכע מען האט געצוווּנגען צו זען ווי מען פייניקט זייערע קינדער. און דאס פארפייניקטע, צום טויט פארמשפטע, יידיש פאלק, פון פוילן, פון ליטע, און פון אלע יידישע, שטעט, און שטעטלעך, האבן נאך געהאפט און ניט געקאנט גלויבן, אז מען האט אין זיי פארגעסן.

זיי האבן ארויסגעקוקט פון הינטער די, פארצוימטע געטא מויערן. גע־האפט אויף הילף, דער הילף וואס איז קיין מאל ניט געקומען:

ביז עס איז געקומען דער טאג פון 19־טן אפריל, ווען זיי האבן געזען אז זיי האבן מער ניט צו ווארטן אויף הילף פון דרויסן. און זיי זיינען ארויס: אנגעשטריינגט, זייערע אייגענע, איבערוועלטליכע כוחות, און ארויס אין קאמף, אין א אפענעם קאמף, מיטן קליין ביסל געווער וואו מען האט מיט שווועריקייט געזאמלט, און געגרייט, קעגן דעם שטארקן, און גרעסטן שונא פון יידישן פאלק. פערציק טויזנט, אין ווארשעווער געטא, איבערגעבליבענע סקעלעטן, זיינען מיט איין מאל פארוואנדלט געווארן, אין פערציק טויזנט גיבורים. מענער, פרויען, און קינדער, פערציק טויזנט, פון דער וועלט פאר־געסענע, איינגעהילטע אין שמאטעס, זיינען, אויף דער פוילישער ערד, די ערשטע ארויס אין א אפענעם שלאכט, פארן באליידיקטן יידישן כבוד, פארן אויסמארדן דאס יידישע פאלק; און פון הינטער די געטא מויערן, האט אין טיפער חשכות אויפגעשיינט א הייליק ליכט, א אויפגעברויזטער צארן, און האס פאר דעם פארגעסענעם אומשולדיקן בלוט, און דאס ליכט איז דערגאנגען צו די מויערן. פון אלע אנדערע געטאס, פון ביאליסטאק, פון ווילנע, פון טשענסטאכאו, און אנדערע, און אנגעצונדן אין די הערצער פון יידישע זין און טעכטער, א העלדיש פייער פון נקמה: מיר האבן שוין יידער ביי היינטיקן טאג א גרויסע חורבן ליטעראטור, יעדער בוך וואס מיר לייענען, מיינען מיר אז דאס איז דאס גרויליכסטע, וואס א מענטש קען זיך פארשטעלן. אבער באלד דערשיינט א צווייטער מיט נייע שוידערליכע בילדער, געשילדערט דורך די דורך ניסים לעבן געבליבענע, און אין אויך פון די מרדערס געשילדערטע טאג ביכער, און בילדער, אין בילד באווייזט דאס אויסזען פון א יידישער מאמע וואס דערזעט ווי מען שנייט לעבעדיק שטיקער פון איר קינד, אין דאס קינד באוויזט נאך אויסצושרייען מאמע קוק ניט, די מאמע ווערט משוגע. און נאך אין אסאך אזעלכע גרויליקע בילדער, גענוג איז דאכט זיך, קאצעט־ניקס בוך דאס הויז פון ליאלקעס, וואס דאס בלוט ווערט פארגליווערט לייענדיק, און עס פארשעמט דעם נאמען מענטש. איז היינט אין דעם הייליקן יארצייט נאך די געטא העלדן, ווילן מיר זיין א טייל פון זיי: פון זייער שטאל־צער יידישקייט: אין פייער, און רויך איז אוועק דאס ווארשעווער געטא, נאך א חודש גראנגל מיטן שטארג באוואפנטן שונא. מיט גאלדענע אותיות, וועט איר ווארשעווער געטא העלדן, ארייגעשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון אלטן אייביקן פאלק. און מיר די לעבנגעבליבענע טארן ניט פארגעסן. מיר דארפן דערציילן, אונזערע קינדער, און קינדס קינדער, זאלן זיי וויסן ווי די וועלט האט אונז באעוולט, און היינט צום 27־טן יאר צייט בייגן מיר די קעפ, אין טרויער, נאך די 6 מיליאן, אומגעקומענע, און מיר זאגן יזכור.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 9־478) 31־סטער יאר אויג.־סעפ. 1970, לאנדאן

אינהאלט

ראש השנה תשל״א, דוד המלכס לעצטע תפילה, „עגל המשולש״,
„כי עמנו״ א־ל, „ויוסיף דעת יוסיף מכאוב״ ....... ** 3
ביים כינרת שטייט א יתום (ליד) ....... שמואל וההייט 10
די יידישע צייט־רעכענונג (עסיי), ....... יעקב ריכטיגער 11
מאמע מיינע (ליד) ....... י. ה. בינענפעלד 14
אן אנדער תפילה (ליד) ....... עלא זילבערג 15
אויפן לאפציקער יאריד, ווייטשעפל־לידער ....... א. נ. שטענצל 19
ברכי נפשי, תהילים קאפיטל ק״ד ....... יידיש יהואש 30
לעא קעניג (נעקראלאג) ....... אייזיק גאלדבערג 32
טשארלס דיקענס ....... דוד בערמאן 33
דיקנס 100 יאר, יהואש 100 יאר, עד מאה ועשרים ש,
יידיש טעאטער ....... הארי אריעל 38
די זון פארגייט שוין נאנט (ליד) ....... שמעון וווזעק 39
עס ווייזט זיך א שיף (ליד) ....... אברהם זאק 39
מוזיק ....... מאיר באגדאנסקי 40

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר
א־רעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, Engi and

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

אינהאלט:

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזע־ א־בעט